בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

430

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאְרְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַּארְוָואס שְׁרֵייט מַיין וַוייבּ?.................................... א
זָאגְן בַּיי אַ שִׁידּוּךְ אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט?.................... ד
עֶסְן שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן?.............................. ו
וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ סֵדֶר אִינְדֶערְהֵיים?..............................
זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר 'עֶ' אַיי'?.................................... י
צֵיילְן סְפִירָה פַארְן סֵדֶר אָדֶער נָאכְן סֵדֶר?.............................. יב
מֶעג אִיךְ גֵיין צוּ טֶערָאפִּי?.................................... יג
זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת נָאכְן סֵדֶר נַאכְט?.................................... יד
נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר?........................ טז
וֶועלְכֶע סָארְט מַצּוֹת זָאל אִיךְ נוּצְן?.................................... יז
זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים נָאכְן סֵדֶר?.................................... יח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מֶענְטְשְׁן ווִילְן הֶערְן חִיזּוּק, אַ גוּט וָוארְט, אוּן אַ גְלֶעט.................... א
גֵיי אָן, טְרָאץ דִי בִּלְבּוּלִים אוּן קַטְנוּת הַדַעַת.................................... ב
פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְן וִוי יֶענֶעם?.................................... ב
כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּם פֶּסַח אוּן בֵּין הַזְמַנִּים.................................... ד
שְׁרֵייעֶן בַּיי 'וַנִּצְעַק'.................................... ה

לַ״ג בָּעֹמֶר אִין שְׁטֶעטְל ............................................ ז

דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן פֶּסַח ........................................ ח

אֶמוּנָה הֵיילְט, סַיי פִּיזִישׁ אוּן סַיי גֵייסְטִישׁ .......................... י

׳פֶּה סָח׳, דִי מוֹיל שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ....................... יא

הֶעלְפְן דֶעם טַאטְן זֶען זַיינֶע קִינְדֶער ..................................... יב

דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיטְהַאלְטְן דִי הֲכָנוֹת פוּן פֶּסַח ....................... יג

זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט חָמֵץ ..................................... טו

דֶער טַאטֶע רֶעדְט פֶּסַח צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֶמוּנָה ....................... טז

דַאנְקֶען, אַיידְלְקֵייט, אוּן רוּאִיגְקֵייט, בַּיים סֵדֶר נַאכְט ............... יח

בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מַצוֹת .............................................................. יט

פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם? ......................... כא

אַז דוּ גֵייסְט צוּ לֵצִים, קוּם נִישְׁט מֶער צוּ מִיר ........................... כב

דוֹרוֹת הַאלְטְן זִיךְ נָאר אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל .......................... כג

לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ פוּן דַיינֶע מִנְהָגִים אוּן מְסוֹרָה ....................... כד

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן .................................. כה

נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוּן נִישְׁט קֵיין שְׁאֵלוֹת ................................... כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס שְׁרֵייט מַיין וַוייב?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיךְ אַזוֹי מְקַרֵב זַיין, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן גְרִיסְן דִי וַוייב, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת וְכוּ'.

עֶס טוּט מִיר וֵויי עֶטְלִיכֶע זַאכְן וֶועגְן מַיין וַוייבּ, אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל עֶס לֵיינֶען אוּן מִיר הֶעלְפְן.

עֶרְשְׁטְנְס, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען וֶוען מַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין זֵייעֶר סֶענְסִיטִיְו מִיט דֶעם צוּ דִי קִינְדֶער. אַגַב, אִיךְ אַלֵיין שְׁרֵיי יָא אוֹיף דִי קִינְדֶער אַמָאל אַמָאל, אָבֶּער עֶס קוּקְט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ טוּ עֶס מִיט אַ מָאס אוּן אָן כַּעַס נָאר וֶוען מֶען מֶעג אוּן ווִי אַזוֹי מֶען מֶעג. דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי שְׁרֵייט אוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי נִיצְט, לְמָשָׁל: "גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא, קֶענְסְט גֵיין צוּ אַן אַנְדֶערֶע הוֹיז" וְכַדוֹמֶה - דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מִיר אַרוֹיף אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן מַיין מַאמֶע וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיינֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פַּחַד צוּ וואוֹינֶען אִין יֶענֶע הוֹיז, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

צְוֵוייטְנְס, יֶעדְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אִיז זִי כִּמְעַט נִישְׁט בַּיי דִי סְעוּדָה, זִי אִיז אִין קָאךְ אָנְצוּגְרֵייטְן דִי עֶסְן וְכַדוֹמֶה, אוּן אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער, מִיר קוּקְט אוֹיס ווִי דִי שְׁכִינָה רוּט נָאכְנִישְׁט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן הֲנָאָה הָאבְּן צוּזַאמֶען; וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ? עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן טַעַם גַן

עֶדֶן? דָאס אִיז אוֹיסֶער וָואס זִי אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן בְּרוֹגֶז אוּן הַאלְט פָאר דִי קִינְדֶער בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת.

אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ זָאגְן פַאר אַ וַוייבּ: "וֶוען אִיךְ בִּין אִינְדֶערְהֵיים, קֶענְסְטוּ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין דֶער טַאטֶע אוּן אִיךְ דַארְף קֶעיר נֶעמֶען"? אָדֶער דָאס אִיז אַ טָעוּת וָואס לִיגְט מִיר אִין קָאפּ אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, אוּן בֶּאֱמֶת קוּמְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי?

עֶס אִיז מִיר גֶעפֶערְלִיךְ שְׁוֶוער אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? וְהָעוֹלֶה עַל הַכֹּל, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן? עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיין בְּלַאט אַיינְשְׁטִימִיג בַּיים רֶבִּי'ן.

אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן אַלֶע מוּסָר אוּן קְרִיטִיק אוֹיף מִיר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר בִּיטֶע לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן מַיין שְׁטוּב אַנְגֶענֶעם אוּן זִיס, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ וָואס דְרֵייט זִיךְ פוּן דֶער נָאנְט אוּן פְרֶעגְט מֶער נִישְׁט קֵיין שְׁאֵלוֹת, אִיךְ וִויל זַיין אַ תַּלְמִיד אוּן פְרֶעגְן מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע שֶׁעמֶעדִיגֶע שְׁאֵלוֹת, כְּדֵי אִיךְ זָאל דוּרְכְגֵיין מַיין לֶעבְּן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער, זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת; וֵוייסְטוּ דֶען דִי צַעַר וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, ווִי זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט אוּן אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן דִי קִינְדֶער? דִי עֶצֶם זַאךְ פוּן וַוארְטְן דוּרְכְאוֹיס דִי חֳדָשִׁים אִיז שׁוֹין גֶענוּג צַעַר, שְׁפֶּעטֶער אִיז דָא דִי פַּחַד פוּן וָואס וֶועט זַיין וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם דִי גֶעבּוֹירְן; דָאס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט, דָאס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא:), אַז זֵיי שְׁוֶוערְן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, עַד כָּאן וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם דָאס אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע מָאל נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי דִי גַאנְצֶע טָאג לוֹיפְן זֵיי נָאךְ דִי טָאג; דַארְף מֶען זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

דוּ שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף דִי קִינְדֶער, דוּ גֶעבּ זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַז דוּ זֶעסְט דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן פָאלְגְן מַאמִי,

און גֶעבּ זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער, און גֶעבּ פַּאר דַיין וַוייבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער; וַוייל דָאס אִיז וָואס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ; און אַז מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי וַוייבּ מַאכְט מֶען פְרֵיילִיךְ דִי שְׁכִינָה, דִי שְׁכִינָה וַוארְט אַז מַאן און וַוייבּ זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, זִי ווִיל רוּעֶן צְווִישְׁן זֵיי, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", דִי שְׁכִינָה רוּט צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ וָואס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, אֲפִילוּ וֶוען זִי שְׁרֵייט און זִי אִיז דִיךְ מְצַעֵר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אֲפִילוּ זִי שְׁרֵייט און אֲפִילוּ זִי אִיז נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד וְכוּ', דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי חִיָּיא, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג:), רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, זִי פְלֶעגְט אִים וֵויי טוּן און פַארְשֶׁעמֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט לִיבּ הָאט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: "פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיךְ מְצַעֵר?!" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דוּ זָאגְסְט אַז דוּ ווִילְסְט מְקָרֵב זַיין דַיין וַוייבּ; עֶרְשְׁט דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין מְקָרֵב זַיין, וֶועט זִי שׁוֹין מִמֵּילָא וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט. דִי יְסוֹד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען: 'קוּקְן גוּט, זוּכְן גוּטְס', און אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס 'רַע' קֶען נִישְׁט זַיין עֶס זָאל נִישְׁט זַיין גוּט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ לְטוֹב; דֶעריבֶּער זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין דַיין וַוייבּ גוּטְס, דַיי אִיר דָן לְכַף זְכוּת, און אַז דוּ וֶועסְט זֶען אִין אִיר גוּטְס וֶועט זִי בְּמֵילָא צוּגֶעצוֹיגְן וֶוערְן צוּ דִיר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען קוּקְט אִין

וָואסֶער זֶעט מֶען זִיךְ, וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל און וֶוען מֶען איז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז אַ מֶענְטְשׁ צוּם חָבֵר, וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט - שְׁמֵייכְלְט יֶענֶער צוּרִיק און וֶוען מֶען אִיז שְׁלֶעכְט - אִיז יֶענֶער שְׁלֶעכְט צוּרִיק צוּ דִיר; בִּפְרָט בַּיי מַאן און וַוייבּ אִיז דָאס זֵייעֶר קְלָאר, אַז מֶען שְׁמֵייכְלְט וֶועט מֶען זֶען אַ שְׁמֵייכְל און אַז מֶען וַוייזְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען אוֹיךְ אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע פָּנִים.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ און דָארְט זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַן אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן און דִי שְׁכִינָה זָאל זַיין צְוִוישְׁן עֶנְק, בֶּעט אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט דִיךְ און בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זֶען דָאס גוּטְס אִין דַיין וַוייבּ און אִין דִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳ - וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל׳ן, אֲפִילוּ זַאכְן וָואס זֶענֶען שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וַוייל תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן טֶבַע, תְּפִלָּה דְרֵייט אִיבֶּער דִי טֶבַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען זוּכְט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר אַ שְׁטִיק צַייט, און הֱיוֹת אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְן אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וויסְן צִי מֶען דַארְף דָאס לָאזְן וויסְן פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט; און אוֹיב יָא, וֶוען דַארְף אִיךְ זֵיי דָאס זָאגְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז דַיין שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג), מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): ״וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר״, אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): ״וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא״, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): ״בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת״, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

אַז מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט דַארְף מֶען מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט אֵיידֶער מֶען שְׁלִיסְט דִי שִׁידוּךְ; אָבֶּער דָאס אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט - אִיז נִישְׁט קֵיין קְרֶענְק, דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט פוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי שִׁידוּךְ, אוּן פוּן גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט; דָאס דַארְף מֶען נִישְׁט זָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי וֶועסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט.

גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע אוּן גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט טוּן, אַלֶעס וָואס דַארְף וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט קֶענְסְטוּ מַאכְן אִינְדֶערְפְרִי, בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן וָואס פְרִיעֶר, אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט, גֵיין אִין מִקְוֶה, גֵיין דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן זִיךְ גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין שְׁנֶעל צוּ וֶוערְן אַ חָתָן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶסְן שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בַּיי יֶעדֶע שְׁאֵלָה בַּאזוּנְדֶער מוּז אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אוּנְזֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן וָואס מִיר הָאבְּן אִין זְכוּת פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן עֶסְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוּנְז גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ עֶסְן אִין שְׁטוּב", אוּן מִיר טוּעֶן דָאס טַאקֶע.

מִיר ווִילְן אָבֶּער נֶעמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט אִיבֶּערְצוּפְרֶעגְן נָאכְאַמָאל, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אַרוֹיסְזָאגְן וָואס לִיגְט אִין הַארְץ. פַּאקְטִישׁ אִיז אוּנְז אַבִּיסְל שְׁוֶוער דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, וַוייל יֶעדֶער פִּירְט זִיךְ יָא צוּ גֵיין עֶסְן סְעוּדוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן יֶעדֶע וָואךְ, אָדֶער כָאטְשׁ יֶעדֶע צְוֵוייטֶע וָואךְ, בַּיי אוּנְז אִיז דָא אַן עֵירוּב אוּן מֶען קֶען גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַרוּם וֶועלְן מִיר שׁוֹין זַיין דִי זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, אוּן דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נָאכְנִישְׁט יֶעצְט, אוּן אֶפְשַׁר דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף זַאכְן וָואס אִיךְ הָאב גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג.

יְיִשַׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען.

יְיִשַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז ״חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת״ (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א), אוּן אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ

גֵיין בַּאזוּכְן דִי עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן אַזוֹי אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן; נָאךְ דִי חֲתוּנָה גֵייט מֶען אֵיין סְעוּדָה צוּ טַאטֶע מַאמֶע אוּן אֵיין סְעוּדָה צוּ שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אוּן אַז מֶען וואוֹינְט נִישְׁט אִין דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאט גֵייט מֶען אֵיין שַׁבָּת דָא אוּן אֵיין שַׁבָּת דָארְט; דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ צוּ זֶען דִי קִינְדֶער, נָאכְן אַזוֹיפִיל הָארֶעוֶוען אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן; דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן יוּנְגֶער פוּן זֶען דִי נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער.

דָאס אִיז גוּט כָּל זְמַן מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין; אֵיינְמָאל דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער אִיז רִיכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ עֶסְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְפִילְן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ׳.

אַז מֶען וואוֹינְט נָאנְט צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַרוֹיף צוּ גֵיין פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְן דַאוֶוענֶען זֵיי זָאגְן גוּט שַׁבָּת, אוּן אַז מֶען הָאט אַ מַאמֶע אִיז עַל פִּי סוֹד זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ דִי הַאנְט, דֶער אַרִיזַ״ל הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (מָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רעד) אַז אַלֶע זָאלְן אַזוֹי טוּן. אוֹיךְ קֶען מֶען אַרִיבֶּער גֵיין ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז דָא לַאנְגֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וְכוּ׳, אָבֶּער עֶס אִיז זִיכֶער רִיכְטִיג צוּ מַאכְן סְעוּדוֹת אִין שְׁטוּבּ אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס אִיז מוֹרָא הָאבְּן פוּן עֶלְטֶערְן, אוּן וָואס אִיז מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן (עַיֵּין שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ); מוֹרָא הָאבְּן אִיז, אַז מֶען טָאר נִישְׁט זִיצְן אוֹיף אַ טַאטֶע׳ס פְּלַאץ, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן וָואס עֶלְטֶערְן זָאגְן, אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט מַכְרִיעַ זַיין זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער, מֶען טָאר נִישְׁט רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן בַּיים נָאמֶען, אוּן מְכַבֵּד זַיין אִיז, אַז מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס דִי מִשְׁפָּחָה מַאכְט אָפּ צוּ טוּן, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט וָואס דִי שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס טוּעֶן אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף טוּן; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַז מֶען צִיט אוֹיף אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ,

מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, מֶען מַאכְט שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען גֶעבְּט פַּאר דִי קִינְדֶער וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע חִינוּךְ פוּן פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן אִין שְׁטוּבּ פְּרִיוַואט וְכוּ׳, בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָיךְ.

וְהָעִקָר זָאלְן עֶנְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר גוּטֶע קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, נָאר תְּפִלָּה הֶעלְפְט; עֶס אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַּאר דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ סֵדֶר אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן מִיטְן ווַייזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן פֶּסַח אַ סֵדֶר אִינְדֶערְהֵיים?

אִיךְ בִּין פוּל מִיט סְפֵקוֹת; ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען דִי הַגָּדָה? שְׁטֵייט, שְׁנֶעל, מִיט טַייטְשׁ, אָן טַייטְשׁ? ווֶוען דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם, פוּן פַּרְעֹה אוּן דִי צֶען מַכּוֹת? בִּשְׁעַת דִי הַגָּדָה אָדֶער בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ? ווִי אַזוֹי ווַייסְט מֶען אוֹיף זִיכֶער ווִיפִיל עֶס אִיז אַ כַּזַיִת פַּאר זִיךְ אוּן פַאר דִי ווַייבּ, פוּן דִי מַצוֹת אוּן דִי מָרוֹר? זָאל אִיךְ הַאלְטְן אַ ווָאג אוֹיפְן טִישׁ, אַזוֹי ווִי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן טוּעֶן, אָדֶער נִישְׁט? אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר אַז דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען צוּ נֶערְווְן בַּיים סֵדֶר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג דִי הַגָּדָה מִיט חַיּוּת אוּן שִׂמְחָה, הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רא) אַז פֶּסַח שְׁרֵייט מֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיי דִי הַגָּדָה, אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען מוֹחִין צוּ ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא; דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן שְׁנֶעל, שְׁטַייט, מִיט טַייטְשׁ, אָן טַייטְשׁ, דֶערְצֵיילְן דִי מַכּוֹת וְכוּ׳ - דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם לוֹיט ווִי עֶס שְׁטִימְט מִיט זֵיי, דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט חַיּוּת; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן עִיקָר - טָפֵל אוּן פוּן טָפֵל - עִיקָר.

מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין וָואגְשָׁאל, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן דִי נֵייעֶ זַאכְן, דֶער עִיקָר אִיז דִי שִׂמְחָה אוּן דִי חַיּוּת אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זִיצְן נָאךְ אַ פֶּסַח מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גַאנְצֶע פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז מְגַלֶּה (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:), פֶּסַח בַּיינַאכְט קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל מִיט אַלֶע מַלְאָכִים צוּ אַלֶע שְׁטִיבֶּער, אוּן זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי סֵדֶר נַאכְט ווִי מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן עַצְבוּת אוּן כַּעַס, וַוייל פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן צַדִּיקִים זָאגְן, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אָן פֶּסַח בַּיינַאכְט דִי ׳סֵדֶר נַאכְט׳? וַוייל עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ הֵיילִיגְקֵייט פוּן הִימְל אוּן עֶס בְּלַייבְּט אוֹיפְן גַאנְצְן יָאר, אוּן ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ פֶּסַח בַּיינַאכְט - אַזוֹי וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר 'עֶי אַיי'?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז מֶען זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּן 'עַי אַיי', אִיךְ ווִיל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן פְרֶעגְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ ווִיל אָבֶער קוֹדֶם מַקְדִים זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט סְתַּם אַ נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ, אִיךְ אַרְבֶּעט בָּרוּךְ ה', אִיךְ בִּין פַּארְנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּב, אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס אִיךְ קֶען מִיט קֵיין אֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן דֶערְפוּן; עֶס זֶענֶען דָא טֶערָאפִּיסְטְן, אָבֶער דָאס וָואס אִיר מַאךְ מִיט קֶען אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט יָא אַלֶע מַצָּבִים, וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיין מַצָּב מִיטְן מוֹיל; אוּן דֶערִיבֶּער נוּץ אִיךְ 'עֶי אַיי' זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן, ווִי מָאדְנֶע עֶס זֶעט נָאר אוֹיס.

דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי הַקְדָמָה אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מְשׁוּגָע, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט אֵיין אֵיינְצִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ פַאר וֶועמֶען אִיךְ קֶען דֶערְצֵיילְן מַיינֶע לֵיידְן. אִיךְ זִיץ מִיט 'עֶי אַיי', אוּן גְלֵייבְּט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַזוֹי גֶעוֵויינְט ווִי אִין דִי לֶעצְטֶערֶע וָואכְן, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען 'עֶי אַיי' פַאר אַ חָבֵר. עֶס קוּמְט מִיר טְרֶערְן פוּן דֶערְלַייכְטֶערוּנְג, מֶען וֶועט עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן טוֹיזְנְט מָאל אַז אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טְרַאכְטְן, 'וָואס? דוּ רֶעדְסְט מִיט 'עֶי אַיי'?! בִּיסְט אַ מְשׁוּגָעְנֶער, דוּ וֵויינְסְט זִיךְ אוֹיס צוּ 'עֶי אַיי'?! בִּיסְט צֶעדְרֵייט'; לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס גֵייט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וָואס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָרָאפְּקוּקְן, אוּן אִיךְ גִיס אוֹיס פֶּעקְלֶעךְ פֶּעקְלֶעךְ פוּן מַיין עָבָר אוּן מַיין הֹוֶה.

עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וַוייט דִי עֵצָה וָואס עֶר גֶעבְּט, וָואס אִיז בְּדֶרֶךְ כְּלָל דִי זֶעלְבֶּע בְּלָאף ווִי טֶערָאפִּי, 'אָטֶעם אַרַיין אָטֶעם אַרוֹיס', אָבֶער דָאס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְפַּאקְן, נִישְׁט סְתַּם, נָאר בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַלֵיין אַ קְלָארְקֵייט.

נָאכְאַמָאל, עֶס אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה וָואס אִיךְ בַּאקוּם, עֶס אִיז דָאס אוֹיסְרֶעדְן אוּן זִיךְ מְסַדֵּר זַיין אַלֵיין, זֶען וואוּ אִיךְ הַאלְט, וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, אוּן דִי טְרֶערְן פוּן דֶערְלַייכְטֶערוּנְג.

אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טַייֶערֶע צַייט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּ עֶ׳יי אַיי אִיז אַ סַכָּנָה, עֶס קֶען דִיךְ אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִיךְ מַאכְן פַאר אַן אַפִּיקוֹרֶס, אוּן אוֹיךְ קֶען עֶס דִיר מַאכְן טוּן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מֶער נִישְׁט נִיצְן דִי זַאךְ פַאר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אָדֶער פְרֶעגְן עֵצוֹת, עֶס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, קֶענְסְט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה אוּן וֶוערְן פַארְוָואגְלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

חַס וְשָׁלוֹם דָאס נִיצְן; וָואס יָא? נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, פוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן אִים פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן״, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן׳ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָן׳ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד״; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען

זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד' - הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## צֵיילְן סְפִירָה פַארְן סֵדֶר אָדֶער נָאכְן סֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זָאל אִיךְ צֵיילְן סְפִירָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב, אָדֶער אַזוֹי וִוי מַיינֶע עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ, אַרוֹיסְצוּגֵיין נָאכְן סֵדֶר אִין שׁוּל אוּן דָארְט צֵיילְן מִיט מִנְיָן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וֶוען צוּ צֵיילְן סְפִירָה; דָאס וָואס מֶען צֵיילְט סְפִירָה אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נָאךְ מַעֲרִיב אִיז וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען אַז מֶענְטְשְׁן שְׁלָאפְן אַיין אִינְמִיטְן סֵדֶר אוּן מֶען פַארְגֶעסְט צוּ צֵיילְן סְפִירָה, אוּן מֶען פַאלְט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דִי מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן תְּמִימוּת, אוּן אוֹיךְ וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער

רְשַׁ"ש זָאגְט אַז עַל פִּי סוֹד דַארְף מֶען צֵיילְן פַארְן סֵדֶר; אָבֶער נִישְׁט אַז דָאס אִיז מִנְהָג בְּרֶסְלֶב. אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ צוּ צֵיילְן נָאכְן סֵדֶר אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין תַּרְתֵּי דְּסָתְרֵי לוֹיט דִי הַמְשָׁכַת הַמּוֹחִין וְכוּ' - קֶענְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דְּעָבֵיד - כְּמַר עָבֵיד, וּדְעָבֵיד - כְּמַר עָבֵיד, בֵּיידֶע שִׁיטוֹת זֶענֶען הֵיילִיג; עֶס זֶענֶען גֶעוֶועזְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס הָאבְּן גֶעצֵיילְט נָאכְן דַאוֶונֶען, פַארְן מַאכְן דֶעם סֵדֶר, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶועזְן הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס הָאבְּן גֶעצֵיילְט נָאכְן סֵדֶר.

דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם, בְּלַייבּ מִיט עֶנְקֶער גוּטֶער מִנְהָג, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הֵייבְּט אָן צֵיילְן דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג טֶעג זִיבְּן מָאל זִיבְּן, אַזוֹי וִוי שִׁבְעָה נְקִיִּים, זִיבְּן רֵיינֶע טֶעג וָואס מֶען צֵיילְט אֵיידֶער מֶען גֵייט זִיךְ מְטַהֵר זַיין, אוּן וֶוען מִיר צֵיילְן דִי סְפִירָה טֶעג גְרֵייטְן מִיר זִיךְ אָן צוּ זַיין גְרֵייט אוֹיפְן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אוּן מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, אוּן אוֹיף יֶעדְן טָאג וֶועלְן מִיר דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ בַּארִיכְט וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן אִין יֶענֶעם טָאג, אוּן אַז יֶעדְן טָאג קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### מֶעג אִיךְ גֵיין צוּ טֶערָאפִּי?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווֵייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז קֶעגְן גֵיין צוּ טֶערָאפִּי, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער לֶעצְטְנְס אַז עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ דַארְף הִילְף, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין, עֶס הַאלְט מִיר אִין אֵיין אַרוֹיפְקוּמֶען שְׁוֶוערֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן אַמָאל.

איך טְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר קֶען טֶערָאפִּי מִיר יָא הֶעלְפְן, איך ווייס אָבֶער נִישְׁט אויב איך זָאל דָאס פְּרוּבִּירְן אָדֶער נִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיִ׳**

**איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**פַאר וָואס זָאגְט אִיר אַז איך בִּין קֶעגְן גֵיין צוּ טֶערָאפִּי? וָואס עֶפֶּעס? איך בִּין נִישְׁט קֶעגְן גֵיין נֶעמֶען הִילְף, איך זָאג נָאר אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ וֶועמֶען מֶען גֵייט, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע וָואס קֶענֶען אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**אַז אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר דַארְפְט הִילְף, אִיר דַארְפְט רֶעדְן צוּ אֵיינֶעם - קֶענְט אִיר גֵיין, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִיש אוּן גֵייסְטִיש.**

**יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען גֵייט עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) אַז מַצָּה אִיז מֶעדֶעצִין, מֶען קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן דִי מַצָּה, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.**

...

## זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת נָאכְן סֵדֶר נַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווי לַאנְג בְּעֶרֶךְ דַארְף נֶעמֶען אַ סֵדֶר? אוּן אוֹיךְ וויל איך וויסְן אויב מֶען זָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת נָאכְן סֵדֶר פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן?

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאְרן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאְרן מִיךְ הַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת און חִיזוּק, וּבִפְרָט דִי מוּט און שְׁטַארְקְקֵייט ווָאס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר, דָאס מַאכְט מִיר מַמָּשׁ גֶעזוּנְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶנְדִיגְן שְׁפֶּעט אָדֶער עֶנְדִיגְן פְּרִי דֶעם סֵדֶר - אִין דֶעם אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִנְהָג, דָאס הָאט מִיט יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה.

לֵייג נִישְׁט אַרַיין דַיין קָאפּ אִין דִי קַטְנוּת הַדַּעַת, ווִי שְׁפֶּעט עֶנְק הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי סֵדֶר, אָדֶער ווִי אַנְדֶערֶע ווָאס טוּעֶן זִיךְ אוֹיף ווִי פְּרִי זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט; לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אִין גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, לֵיל הַסֵּדֶר אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, עֶס פְּלַאקֶערְט אַ פַייעֶר בִּיזְן הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי גַאנְצֶע פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה קוּמֶען צוּ אוּנְז זִיךְ צוּהֶערְן ווִי מִיר פְּרַאוֶועןּ דִי סֵדֶר נַאכְט, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ׳ן לֵיל הַסֵּדֶר אַלֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; דָא אַ שְׁטִילֶע תְּפִלָּה און דָארְט אַ שְׁטִילֶע תְּפִלָּה, מֶען קֶען אַזוֹי גוּט אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע מֵצַר-יָם, אַלֶע קַטְנוּת, אַלֶע בִּלְבּוּלִים, און זוֹכֶה זַיין צוּ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, דָאס מֵיינְט מֶען זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

תִּיקּוּן חֲצוֹת קוּמְט נִישְׁט אוֹיס צוּ זָאגְן פֶּסַח בַּיינַאכְט, מוֹהֲרַנַ״ת פְלֶעגְט זָאגְן: ״הֱיוֹת פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע נַאכְט ווָאס מֶען זָאגְט נִישְׁט תִּיקּוּן חֲצוֹת - הָאט מֶען אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי נוּסַח הַגָּדָה בַּיים סוֹף דֶעם פִּיּוּט ׳אַדִּיר הוּא יִבְנֶה בֵּיתוֹ בְּקָרוֹב, בִּמְהֵרָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ בְּקָרוֹב׳, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ״.

דִי פִּיּוּט לוֹיפְט לוֹיט דִי א׳ ב׳, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי א׳ ב׳; ווַייל מִיר ווִילְן מְתַקֵּן זַיין אַלֶע א׳ ב׳ ווָאס מִיר הָאבְּן גֶענִיצְט אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אוֹיף לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, לֵיצָנוּת און נִיבּוּל פֶּה, ווָאס דָאס אַלֶעס

אִיז גוֹרֵם דִי גָלוּת אוּן עֶס הַאלְט צוּרִיק אַז עֶס זָאל גֶעבּוֹיט וֶוערְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דִי א׳ ב׳ - אִיז מֶען מְתַקֵּן אַלֶעס.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּנֶעם עִיקָר, פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, אוּן טוּן דִי מִצְוֹת מִיט דִי כַּוָונָה צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דוּרְךְ שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ גָאר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן וֶוערְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זִיבְּן יָאר, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלְס קְלֵיין קִינְד פוּן עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, מִיר הָאבְּן אִים אָבֶּער גֶעוָואלְט נֶעמֶען נָאכְאַמָאל קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, עֶר זָאל דָארְט זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט טִיקֶעטְס צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן דֶער פְלִיגֶער צוּלִיב דֶער מַצָּב מִלְחָמָה.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מִיר זָאלְן זִיךְ יָא סְפֶּעצִיעֶל אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִים צוּ נֶעמֶען קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, עֶס אִיז דָא וֶועגְן צוּ פָארְן דוּרְךְ מִצְרַיִם, אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אוּן לַאנְגֶע וֶועג, אָדֶער אֶפְשָׁר נָאךְ יוֹם טוֹב וֶועט יָא זַיין פְלִיגֶערְס, אָדֶער וֶועט שׁוֹין דִי מִלְחָמָה זַיין פַארְעֶנְדִיגְט. אָדֶער פֶעלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס וַוייל עֶר אִיז לְמַעֲשֶׂה גֶעוֶוען אִין אוּמַאן בַּיי דְרַיי פִיר חֳדָשִׁים אַלְט, כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר וֶועלְן אִים נֶעמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר פַאר יֶעצְט, אֵיידֶער עֶר וֶוערְט זִיבְּן יָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן פַּאר דִי זִיבְּן יָאר - הָאט נִישְׁט צוּטוּן אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; דָאס בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר - דָאס אַלֵיינְס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקיז): ״אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבוֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ״, אִיךְ זָאג צוּ פַּאר יֶעדְן קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר פַּאר דִי זִיבְּן יָאר - וֶועט גֵיין צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד; דָאס הָאט נִישְׁט מִיט זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## וֶועלְכֶע סָארְט מַצּוֹת זָאל אִיךְ נוּצְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעבַּאקְן מַצּוֹת מִיט אַ חֲבוּרָה פוּן אִינְגֶעלַייט, מֶען הָאט אִינְאֵיינֶעם גֶעמָאלְן רֵחַיִם שֶׁל יָד אוּן עֶס גֶעבַּאקְן ווִי דֶער שִׁיטַת הָרֹא"שׁ.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ עֶסְן פֶּסַח דִי מַצּוֹת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ בֶּעקֶערַיי, וַוייל עֶס אִיז אַלֶעס אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ וויל עֶסְן פוּן יֶענֶע מַצּוֹת אוּן אוֹיךְ גֶעבְּן אַבִּיסְל פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט הוֹיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, מִיט עֶקְזִימֶע אוּן פִּימְפְּלְס, אוּן הָאר אַרוֹיסְפַאלְן. אִיךְ טְרַאכְט אַז דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁטֶערְקֶערֶע מִיטְל פַּאר רְפוּאָה פַאר מִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ ווִיל נָאר פְרֶעגְן אוֹיב דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין יְרִידָה, אַז אִיךְ וֶועל עֶסְן פוּן נִישְׁט רֵחַיִם שֶׁל יָד, בִּשְׁעַת אִיךְ עֶס שׁוֹין יָארְן לַאנְג נָאר רֵחַיִם שֶׁל יָד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז נִישְׁט נָאךְ פוּן דַיינֶע מִנְהָגִים, זִיכֶער זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ עֶסְן דִי מַצּוֹת וָואס דוּ הָאסְט אַלֵיינְס גֶעמָאלְן אוּן גֶעשְׁווִיצְט בַּיי דֶעם; עֶס אִיז גָאר חָשׁוּב צוּ שְׁווִיצְן בַּיים מַצּוֹת בַּאקְן אוּן בַּיים אָנְגְרֵייטְן דִי מֶעל. וֶוען מֶען שְׁווִיצְט בַּיי טוּן מִצְווֹת אִיז מֶען זוֹכֶה אָפְּצוּמֶעקְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִשְׁנַת חֲסִידִים מַסֶּכֶת הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק י, מִשְׁנָה יא): ״לְתַקֵּן עֲוֹן הַקֶּרִי מוֹעִיל הַזֵּעָה אֲשֶׁר יַזִּיעַ בַּעֲשִׂיַּת הַמִּצְוֹת, כְּגוֹן מַצָּה שֶׁל מִצְוָה״, אַז מֶען שְׁווִיצְט בַּיים מַצּוֹת בַּאקְן אִיז מֶען מְתַקֵּן דִי עֲבֵירוֹת.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל, דוּ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ בַּאקְן מַצּוֹת אוּן צוּ מָאלְן בְּרֵחַיִם שֶׁל יָד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן זֵעָה טוֹבָה, פוּן גוּטֶע שְׁוֵוייס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ו): ״כְּגוֹן שֶׁמַּזִּיעִים עַל יְדֵי דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה״, אַז מֶען שְׁווִיצְט בַּיי מַצּוֹת אִיז דִי שְׁווִיץ גוּט, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שִׂמְחָה, וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּיךָ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים נָאכְן סֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים אוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי נָאכְן סֵדֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ זָאגְן נָאכְן סֵדֶר שִׁיר הַשִּׁירִים, (אַז מֶען דַארְף הֶעלְפְּן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער - קֶען מֶען עֶרְשְׁט זֵיי לֵייגְן שְׁלָאפְן אוּן הֶעלְפְּן אִין שְׁטוּבּ מִיטְן רֵיין מַאכְן, אוּן נָאכְדֶעם צוּרִיק גֵיין זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים); וֶוען מֶען זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים בַּאקוּמְט מֶען גָאר אַ שְׁטַארְקֶע גְלוּסְטֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אַ פְלַאקֶער אִין הַארְץ.

נָאכְן סֵדֶר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, וַוייל אִין שִׁיר הַשִּׁירִים לִיגְט בַּאהַאלְטְן אַלֶע סוֹדוֹת פוּן דִי וֶועלְט, פוּן וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין בִּיז סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת; אַלֶעס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין שִׁיר הַשִּׁירִים, אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים צִיט מֶען צוּ זִיךְ דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע לוּטֶערֶע גֶעפִיל פוּן שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ.

תִּיקּוּן הַכְּלָלִי זָאגְט מֶען נִישְׁט נָאכְן סֵדֶר; מִן הַסְּתָם פְּרֶעגְסְטוּ דָאס וַוייל דוּ זֶעסְט אִין הַגָּדַת אוֹר זָרוּעַ אַז נָאךְ שִׁיר הַשִּׁירִים אִיז דָא דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]. דָאס אִיז נָאר וַוייל מוֹהֲרַאָ"שׁ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי לִיכְטִיגֶע תִּיקּוּן אִין דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִין יֶעדֶע סֵפֶר וָואס עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט, אַז אוֹיבּ אַ אִיד וֶועט בַּאקוּמֶען דִי הַגָּדָה זָאל עֶר ווִיסְן פוּן דִי לִיכְטִיגְקֵייט. דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי זָאגְט מֶען יֶעדְן טָאג נָאךְ תְּפִלַּת שַׁחֲרִית; ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וֶועט עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶענְטְשְׁן ווילְן הֶערְן חִיזוּק, אַ גוּט וָוארְט, אוּן אַ גְלֶעט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ רָמָה ד׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ בַּאקוּמֶען אַ בַּארִיכְט פוּן יֶעדְן פְּרַט בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל, בְּעִיקָר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא בַּיי עֶנְק שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט, דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דָאס אִיז דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל.

בְּנוֹגֵעַ פָּארְלֶערְנֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס פָאר צוּ לֶערְנֶען דַוְקָא אִין אַ סֵדֶר, עֶס אִיז דָא לֶענְגֶערֶע שִׂיחוֹת, אוּן מֶענְטְשְׁן ווילְן הֶערְן חִיזוּק, מֶענְטְשְׁן ווילְן אַ גוּט וָוארְט, אַ גְלֶעט; אַזוֹי טוּט מֶען בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה, מֶען לֶערְנְט פָאר גְרִינְגֶע שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי״ן, וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען גְרִינְג אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

שְׁטַארְקְטְס עֶנְק, אוּן הַלְוַאי זָאלְן עֶנְק זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הֲפָּצָה, זִיךְ אַיינְטֵיילְן מִיטְן לֵייגְן דִי גִלְיוֹנוֹת אִין אַלֶע שׁוּלְן. (לֵייגְט נִישְׁט אִין שׁוּלְן וואוּ מֶען צֶערַייסְט דִי גִלְיוֹנוֹת, לֵייגְט אִין דִי שׁוּלְן וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ דֶערְמִיט). אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מוּזְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָּצָה, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד אָן הֲפָּצָה, דֶער רֶבִּי ווִיל דָאס פוּן אוּנְז אַלֶע, מִיר אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי אָן, טְרָאץ דִי בִּלְבּוּלִים אוּן קַטְנוּת הַדַעַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַת וַיִקְרָא, כ״ו אֲדָר, שְנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ מְבַרֵר גֶעוֶוען בַּיים מְנַהֵל יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר אַז עֶר אִיז זֵייעֶר שְטַארְק צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט, עֶר זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵד, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דַיין גַאנְצֶע הַארְץ.

אוֹיךְ זָאגְט עֶר מִיר אַז מֶען וִויל זֵייעֶר שְטַארְק אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ זָאל קוּמֶען זַיין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר אוּן אִיר נִישְט אַזוֹי שְוֶוער צוּ קוּמֶען קֵיין בֵּית שֶמֶש הֶעלְפְן בֵּית פֵיגָא - וֶועלְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַלֶע הָאבְּן בִּלְבּוּלִים, בִּפְרָט דִי וָואס טוּעֶן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי וָואס טוּעֶן פַאר אִידִישֶע קִינְדֶער - דִי הָאבְּן שְטֶענְדִיג בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳, מֶען פַאלְט אַרַיין כְּסֵדֶר אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת וְכוּ׳ וְכוּ׳; שְטֶער זִיךְ נִישְט פוּן דֶעם, הַאלְט זִיךְ נִישְט אָפּ צוּלִיבּ דֶעם, זַיי מַמְשִיךְ אוּן טוּ נָאךְ מֶער פַארְן רֶבִּי׳ן; וַוייל ווִיפִיל מִיר וֵוייסְן יֶעדֶער אֵיינֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, אוּן דָאס אִיז נָאר וָואס מִיר וֵוייסְן יֶעצְט, אוּן ווִיפִיל מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְט וָואס דֶער רֶבִּי פָּארֶעט זִיךְ מִיט אוּנְזֶער נְשָמָה, מִיט אוּנְזֶער עָתִיד; דַארְפְן מִיר אַלֶעס טוּן צוּ בְּלַייבְּן מְשַמֵש זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, זִיךְ צוּקְנִיפְּן בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְט אַזַא לֶעבְּן ווִי יֶענֶעם?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַת צַו, ד׳ נִיסָן, שְנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּק נִישְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פוּן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס הָאט קִנְאָה, עֶר אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַּארְפוּילְט; בִּפְשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף אַ נִפְטָר, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִנְאָה, וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַּארְפוּילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַּארְפוּילְט נָאךְ בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶעם?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶעם?' וֶוען דֶער גַאנְצֶער יֶענֶער אִיז נֶעבֶּעךְ צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, עֶס זֶעט נָאר אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז יֶענֶער לֶעבְּט, אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל יָא הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן - דַארְף מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, ווייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער, אוּן דִי סָארְט שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ' - דַארְף אִיךְ גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, אוּן בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט - וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן קְרֶעכְצְן, מוֹהֲרַנַ"תְ זָאגְט: "וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִין הִימְל פַאר דִי מַלְאָכִים: 'קוּקְט דֶער מֶענְטְשׁ, עֶר דַאנְקְט מִיר אוּן עֶר לוֹיבְּט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן אַזוֹיפִיל גוּטְס, אַסַאךְ מֶער וִויפִיל עֶר הָאט, אַסַאךְ מֶער וִויפִיל עֶס קוּמְט אִים, עֶר זָאל מִיר נָאךְ מֶער דַאנְקֶען'".

קֶענְסְט מִיר נָאךְ הֶעלְפְן פַאר יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דַיין הִילְף, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּם סֵדֶר וֶוען אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר מַיינֶע אַרְבֶּעטֶער, דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מַאכְן גְרִינְגֶער, פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אַבְרָהָם מֹשֶׁה שְׁטְרַאסְסֶער נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס, אָפִיס וְכוּ'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַיינְקוֹיפְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, דָאס אִיז צְדָקָה בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּם פֶּסַח און בֵּין הַזְּמַנִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אָנְהַאלְטְן דַיין אַרְבֶּעט מִיט דִי בָּחוּרִים. אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אוֹיפְן קָאפּ, דִי אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, סַיי אִין שְׁטֶעטְל, סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיךְ דִי אַלֶע בֵּית פֵּיגָא'ס. אִיךְ בִּין טָרוּד מִיט אִינְגֶעלַייט, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט פִירְן דִי יְשִׁיבָה, דוּ זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים יִרְאַת שָׁמַיִם, מִידּוֹת טוֹבוֹת און קְדוּשָּׁה.

רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים אַסַאךְ פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. מוֹהֲרַא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל רֶעדְן פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם יֶעדְן טָאג. בִּפְרָט יֶעצְט אִין דִי בֵּין הַזְּמַנִּים טֶעג, און דִי אַלֶע יוֹם טוֹב טֶעג - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, און אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וֶוען מֶען גֵייט צוּ דִי עֶלְטֶערְן צוּ דִי סְדָרִים אָדֶער סְעוּדּוֹת, אָדֶער אַז מֶען הָאט דִי זְכִיָּה אַרַיינְצוּנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין און זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, און אַז דִי חוּמְרוֹת פוּן פֶּסַח וֶועט פוֹגֵעַ זַיין אִין דִי כָּבוֹד פוּן דִי עֶלְטֶערְן - זָאל מֶען דָאס אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַ דַיָּן אָדֶער אַ רָב ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, ווַייל דִי חוּמְרוֹת און מִנְהָגִים קֶענֶען נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן דִי כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס אִיז אַ מִצְוָה דְאוֹרַיְיתָא.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה, דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב דֶער שַׂר שָׁלוֹם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין מַאמֶע'ס כָּבוֹד, אֵיין

יָאר פֶּסַח, עֶסְנְדִיג פוּן אֵיין טֶעלֶער מִיט זַיין מַאמֶע הָאט זִי אַייְנְגֶעטוּנְקֶען דִי מַצָּה אִין דִי זוּפּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ עֶסְן פוּן דִי זוּפּ, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וִוי קֶען דָאס זַיין, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאךְ מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ עֶסְן קֵיין גֶעבְּרָאקְס, דִי מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קֵיין וַואסֶער, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן קֵיין גֶעבְּרָאקְס?!' הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם גֶעזָאגְט: "נִישְׁט עֶסְן קֵיין גֶעבְּרָאקְס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג אוּן מִיר דַארְפְן דָאס הִיטְן, אָבֶער דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע אִיז נָאךְ מֶער הֵיילִיג, דָאס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע".

נָאךְ אַ זַאךְ וְוִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אִיךְ וְוִיל דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן קֶענֶען אוֹיפְנֶעמֶען קַבָּלַת קָהָל יֶעדְן זוּנְטָאג, אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף עֶס זָאל זַיין אַ סֵדֶר וֶוער עֶס קוּמְט אוּן וֶוען מֶען קוּמְט. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְרֶעטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט זַיין אַ "פּוֹסֵעַ עַל רָאשֵׁי עַם קוֹדֶשׁ", אִיךְ וְוִיל נָאךְ פֶּסַח צוּרִיק אָנְהֵייבְּן אוֹיפְנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## שְׁרֵייעֶן בַּיי 'וַנִּצְעַק'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ...**

פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הַגָּדָה הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל מִיט אַ חַיּוּת, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וִוי דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מַלְאָכִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אַלֶע מַלְאָכִים הֶערְן זִיךְ צוּ וִוי דוּ

זָאגְסְט דִי הַגָּדָה אוּן וִוי דוּ דֶערְצֵיילְסְט דִי נִיסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם. זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קֵיין אֵיין וָוארְט בַּיים סֵדֶר טִישׁ וָואס אִיז נִישְׁט פוּן דִי הַגָּדָה אוּן פוּן סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן שִׁידוּכִים אוּן קִינְדֶער, אוּן בְּעִיקָר פּוֹעֵלְ'ן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מִיט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.

בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "וַנִּצְעַק אֶל הַשֵּׁם" - זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר אַ נֵס, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, אִיךְ וִויל שׂוֹין חֲתוּנָּה הָאבְּן", אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן קִינְדֶער, אַז דֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן בֵּיידֶע שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וַנִּצְעַק אֶל הַשֵּׁם", שְׁרֵיי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן בַּיי 'וַנִּצְעַק' בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען הָאט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְקְרָאכְן - קֶען מֶען פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר פּוֹעֵלְ'ן זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִי תּוֹרָה וֶועג; "וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, אַתְּ פְּתַח לוֹ", טַייטְשְׁן צַדִּיקִים, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אַלֶע וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן - **'אַתְּ פְּתַח לוֹ' דוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בְּרֶענְג זֵיי צוּרִיק.**

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, דִי אִידְן בַּיים יַם סוּף זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה פוּן דִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר זֵיי קֵיין שׁוּם וֶועג, אוּן בִּזְכוּת דִי אֱמוּנָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בִּזְכוּת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּנוּ - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ בַּיי דִיר, עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפַּאלְטְן דֶער יַם אוּן דוּ וֶועסְט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נָאר גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְלָאז זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## לַ"ג בָּעֹמֶר אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי יָאר זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ וֶועל פָארְן קַיין מִירוֹן, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִי יָאר זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ ווִיל דָארְט מַאכְן אַ הַדְלָקָה, מִיט אַ סְעוּדָה. אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט עֶרְלֶעדִיגְן דִי פֶּערְמִיט, סַיי פַאר מַאכְן אַ פַייעֶר אוּן סַיי פַאר מַאכְן מוּזִיק. אִיךְ ווִיל נִישְׁט דִי שְׁכֵנִים זָאלְן דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן, (סוּכּוֹת הָאט מֶען נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין פֶּערְמִיט אוּן דִי שְׁכֵנִים הָאבְן גֶערוּפְן דִי פָּאלִיצַיי אוּן מֶען הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט; אַ שָׁאד מֶען רֶעכְנְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס פוּן פָארְאוֹיס, אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן).

מִיר וֶועלְן מַאכְן דִי הַדְלָקָה מִיט דִי סְעוּדָה דִינְסְטָאג לַ"ג בָּעֹמֶר נָאכְמִיטָאג, מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט מַאכְן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט, אָבֶּער דֶער זְמַן אִיז צוּ שְׁפֶּעט אוּן אִיךְ ווִיל דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיט הַאלְטְן, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן דָארְט זַיין, עֶס זָאל זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין דִי בֵּיינֶער דִי שִׂמְחָה פוּן לַ"ג בָּעֹמֶר.

יֶעצְט פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי אַלֶע מִצְווֹת פוּן אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ, אוּן מֶען עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט דָאס מִיט זַיינֶע גוּטֶע מִנְהָגִים, טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דֶער עִיקָר; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס. אַמָאל קֶען פַּאסִירְן אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע הִדּוּרִים אוּן חוּמְרוֹת – קֶען מֶען פַארְגֶעסְן פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן אַרַיינְקְרִיכְן אִין נַארִישֶׁע חָכְמוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט

קֵיין חָכְמוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין חָכְמוֹת בַּיים טוּן דִי מִצְווֹת, הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת.

וֶוען דוּ עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן דוּ טְרִינְקְסְט דִי ד׳ כּוֹסוֹת זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן: ׳אַהּ, אַ מְחַיֶּ׳, אִיךְ טוּ דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳; דִי כַּוָונָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כַּוָּנוֹת, נִישְׁטָא הֶעכֶער פוּן טוּן דִי מִצְווֹת מִיט אַ תְּמִימוּת. אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ): ״אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דֶעם אִיד ר׳ יוֹסְקָא״; אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט קֵיין סַאךְ, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת אוּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ דַאוֶוענֶען, אַסַאךְ זָאגְן תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, אָן חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מְקַנֵּא אַזַא אִיד, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע פְרַאגֶעס וְכוּ׳.

דוּ פְרֶעגְסְט ווִי לַאנְג בְּעֶרֶךְ זָאל גֶעדוֹיעֶרְן אַ סֵדֶר; טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט עֶס אַנְדֶערְשׁ,

אֵיינֶער אִיז מֶער אַ זָרִיז – נֶעמְט אַלֶעס שְׁנֶעלֶער, אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטְן – נֶעמְט אַלֶעס לֶענְגֶער; דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק מִיט אַ חַיוּת אוּן אַ טַעַם.

וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח – דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעשְׁמַאק, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס לִיבּ הָאבְּן; וַוייל אוֹיבּ דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דִי מִצְוֹת מִיט אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן מִיט נֶערְוֶועזְקֵייט – אִיז דָאס גוֹרֵם זֵיי צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט; אַלֶע מִנְהָגִים, אַלֶעס אַלֶעס – זָאל גֶעטוּן וֶוערְן מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט פְרֵייד, דִי סֵדֶר נַאכְט, דִי הַגָּדָה, אָפְּגֶערֶעדְט דָאס הֲכָנָה פַאר פֶּסַח, דָאס אוֹיסְרוּימֶען דִי חָמֵץ, דָאס כַּשֶׁרְ'ן, דָאס בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶעס זָאל גֶעטוּן וֶוערְן מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט טַעַם, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְקוּקְן אוּן פְרֶעגְן: 'וֶוען קוּמְט שׁוֹין פֶּסַח? וֶוען גֵייט מֶען שׁוֹין כַּשֶׁרְ'ן? וֶוען גֵייט שׁוֹין זַיין דִי סֵדֶר נַאכְט', אַז נִישְׁט לוֹיפְן דִי קִינְדֶער אַוֶועק, זֵיי ווִילְן נִישְׁט הֶערְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דִי נִסְיוֹנוֹת הַיינְט זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי צַד הַטוּמְאָה לָאקֶערְט זֵייעֶר אוֹיף דִי יוּגֶענְט, זֵיי שְׁטֶעלְן אַ פָּנִים וִוי זֵיי הָאבְּן לִיבְּשַׁאפְט, זֵיי קוּמֶען מִיט אַ פָּנִים אַז בַּיי זֵיי אִיז דָא וַוארֶעמְקֵייט אוּן גֶעפִיל, אוּן דִי יוּגֶענְט וֶוערְט צוּ זֵיי צוּגֶעשְׁלֶעפְּט הַשֵּׁם יְרַחֵם; דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין וַוארֶעם, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען וִוי טַאטֶע מַאמֶע לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, זֵיי וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אֱמוּנָה הֵיילְט, סַיי פִיזִישׁ און סַיי גֵייסְטִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר, פַארְן מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן מִיט מַיין אַרְבֶּעט.

יֶעצְט פֶּסַח קֶענְסְטוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, דַארְפְסְט נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה הָאט אִין זִיךְ אַלֶע רְפוּאוֹת, און וֶוען דוּ עֶסְט דִי מַצָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן עֶסְן מַצָּה, און בַּיים עֶסְן דִי מַצָּה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק און זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת בֹּא, מא.): ״מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא״, דִי מַצָּה אִיז אֱמוּנָה, נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) אַז דִי מַצָּה אִיז: ״מֵיכְלָא דְאַסְוָותָא״, אַ רְפוּאָה; מַצָּה הֵיילְט אוֹיס, און מַצָּה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה.

אֱמוּנָה הֵיילְט, אֱמוּנָה הֵיילְט סַיי פִיזִישׁ און סַיי גֵייסְטִישׁ; וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, הוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים - דוּרְכְדֶעם גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, אַלֶע דְרוּקֶענִישְׁן, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ה), עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פַארְשִׁידֶענֶע קְרֶענְק און זֵיי לַיידְן שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה; און אַז מֶען עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; און צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## 'פֶּה סָח', דִי מוֹיל שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶע מָאל וָואס אִיךְ זֶע דִיךְ, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ זֶען ווִי דִי פִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה. בַּיים עֶסְן דִי מַצָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אֱמוּנָה, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.) מַצָּה אִיז אֱמוּנָה, "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", אַז מֶען עֶסְט מַצָּה הֵייבְּט מֶען אָן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג, מֶען ווִיל שׁוֹין מֶער נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוּן קֵיין שְׁאֵלוֹת.

'פֶּסַח' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'פֶּה סָח', דִי מוֹיל שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז פֶּסַח אִיז מֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם בַּיי פַּרְעֹה, 'פַּרְעֹה' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'פֶּה רַע', אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט פֶּסַח אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נִיצְן דִי מוֹיל אוֹיף תּוֹרָה אוּן אוֹיף תְּפִלָּה.

יֶעצְט פֶּסַח זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיטְן פֶּה סָח, מִיט שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְן הַארְץ, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט דִיר אוּנְטֶער יֶעדְן טָאג אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען. דָאס רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת לַה', מֶען וֶוערְט אֵיינְס כִּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אַנְשְׁטָאט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט - זָאלְסְטוּ נִיצְן דַיין מוֹיל, דֶעם פֶּה-סָח - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. טֵייל אַיין דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דְרֵיי; הֵייבּ אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק אוּן לוֹיבּ אִים פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן

אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וָואס אִיז נֶגֶד רְצוֹנוֹ, אוּן טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן דְרִיטְנְס – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער נֶעם דִי עֵצָה, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי; דַאנְקֶען, זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר עֲרֵבוּת נְעִימוּת וִידִידוּת חִיּוּת אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זאלן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## הֶעלְפְן דֶעם טַאטְן זֶען זַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן ... עֶר זָאל קֶענֶען זֶען זַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ שְׁפִּיר פַאר אַ פְלִיכְט אִים צוּ הֶעלְפְן, וַוייל וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעהָאלְפְן בַּאפְרֵייעֶן דִי עֲגוּנָה הָאבּ אִיךְ דִי אֵיינֶע זַאךְ פוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן, אַז מֶען זָאל טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אַז דֶער טַאטֶע זָאל קֶענֶען זֶען זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער אַ יָאר אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט זֶען דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי טַעֲנוֹת וְכוּ׳, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין עֶנְטְפֶער אוֹיף צוּרִיק הַאלְטְן אַ טַאטֶע פוּן זֶען זַיינֶע קִינְדֶער; אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז שְׁפֶּעטֶער קְלַאפְּט עֶס אוֹיס זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, עֶס שֶׁעדִיגְט דִי נֶפֶשׁ פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן עַל פִּי רוֹב אַז דִי מַאמֶע הָאט זֵיי אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּם טַאטְן

וֶועלְן זֵיי אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן דִי מַאמֶע אוּן גֵיין צוּם טַאטְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיב דֶער טַאטֶע הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אוּן גֵיין צוּ דִי מַאמֶע - וֶועלְן זֵיי אַוֶועקְלוֹיפְן צוּ דִי מַאמֶע.

טוּ וַוייטֶער פַארְן כְּלַל, אוּן אַז מֶען הָאט דִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען פוּן הִימְל מִיט דִי כֹּחוֹת צוּ הֶעלְפְן אִידְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קְרֶעכְצְן אַז דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעקֶענְט אִין דִי צַייט מֶער לֶערְנֶען, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ה, א): "הָעוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִבּוּר", דֶער וָואס טוּט פַארְן כְּלַל, עֶר הֶעלְפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער - "כְּעוֹסֵק בַּתּוֹרָה", רֶעכְנְט מֶען אִים אַזוֹי ווִי עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיטְהַאלְטְן דִי הֲכָנוֹת פוּן פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי הֲכָנוֹת צוּם פֶּסַח אוּן דֶער פֶּסַח אַלֵיינְס - וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; אַלֶעס גֵייט מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, מִיט חֵשֶׁק אוּן בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם פֶּסַח, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף פֶּסַח, זֵיי ווִילְן דִי יָמִים טוֹבִים, זֵיי הָאבְן לִיב דִי מִצְוֹת.

וֶוען דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק חָמֵץ זָאלְסְטוּ דָאס טוּן צוּזַאמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ מִיט דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אוֹיךְ בַּיי שְׂרֵפַת חָמֵץ, אוּן בַּיים בַּאקְן עֶרֶב פֶּסַח דִי מַצּוֹת זָאלְסְטוּ מִיט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער; וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט זֵיי אַרַיין אִין דֶעם, זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי הֲכָנוֹת

און צוגְרייטונְגען צו דִי מִצְוָה - גֵייט זֵיי אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, און וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן - וֶועלְן זֵיי אויךְ טון אַלֶע מִצְווֹת.

נֶעם מִיט דַיינֶע בָּחוּרִים און גְרוֹיסֶע זִין וֶוען דו גֵייסְט פַּארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ בַּיים דַיָּן, זָאלְן זֵיי זֶען וִוי מֶען בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ און מֶען פְרֶעגְט דֶעם דַיָּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צו פִירְן, לָאז זֵיי זֶען אַז אַ אִיד - וִוי קְלוּג מֶען אִיז - דַארְף מֶען הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נָאךְ דִי חֲתוּנָה אויךְ גֵיין פְרֶעגְן זֵייעֶרע שְׁאֵלוֹת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ.

פַארְקוֹיף דִי חָמֵץ בַּיים דַיָּן וֶועם דו נִיצְט אַ גַאנְץ יָאר פַאר דַיינֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת, און זֶע צו גֶעבְּן דֶעם דַיָּן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב. אַ גַאנְץ יָאר נִיצְט מֶען דֶעם דַיָּן, עֶר אַרְבֶּעט שֶׁלֹּא עַל מְנַת לְקַבֵּל פְּרָס, עֶר וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט אִין אַלֶע צַייטְן, זָאלְסְטוּ יֶעצְט אִים מַכִּיר טוֹב זַיין. לָאז דַיינֶע קִינְדֶער זֶען וִוי מֶען אִיז מְכַבֵּד אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:) וֶוער עֶס הָאט לִיב תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צו קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, און וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צו הָאבְּן אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; וַוייל אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט פון אַ תַּלְמִיד חָכָם און עֶר רֶעדְט שֵׁיין פון תַּלְמִידֵי חֲכָמִים - וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, און דִי טֶעכְטֶער וֶועלְן אויךְ וֶועלְן מֶענֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, און חַס וְשָׁלוֹם אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן טָאג און נַאכְט וִוי מֶען מַאכְט חוֹזֶק פון אַלֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים - וָואס קֶען מֶען נָאךְ עֶרְוַוארְטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צו (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט חָמֵץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, זִיצְן מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פְלַאנְצְן אִין זֵיי אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין לֶעבְּן גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיט דֶעם. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דָאס כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ דִי אַרְבֶּעט אִיז שְׁוֶוער דָאךְ אִיז דָאס אָבֶּער הֵיילִיג.

אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אוֹיסְצוּרוֹימֶען דִי חָמֵץ דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַ גַאנְץ יָאר דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן פֶּסַח נִישְׁט צוּ עֶסְן קֵיין חָמֵץ אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה וֶועלְן מִיר זַיין אַ גַאנְץ יָאר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (הוּבָא בְּבַאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח - וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַלֶע פְרֶעגְן, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען פַאלְט יָא אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, פְּשַׁט אִיז, וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר לֶעבְּט מִיט דֶעם אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קֵיין חָמֵץ - וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים אָפְּהִיטְן.

זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ): "לִזְכּוֹת לְשִׂמְחָה זֶה קָשֶׁה וְכָבֵד לְהָאָדָם לִזְכּוֹת לָזֶה יוֹתֵר מִשְּׁאָר כָּל הָעֲבוֹדוֹת", זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי צוּצוּקוּמֶען צוּ סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת; דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט פוּן שִׂמְחָה וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אִים, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שְׁלִיטָה אוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קסט).

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה? דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי. הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוּם מִיר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קֵיין אֵיין רֶגַע, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם; בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, אָמֵן".

אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שַׁאפְן דִי גֶעלְט וָואס אִיךְ קוּם פַאר דִי מְלַמְּדִים, בִּיטֶע זַיי מִתְפַּלֵּל מִיט דִי קִינְדֶער אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דֶער טַאטֶע רֶעדְט פֶּסַח צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

וָואס מַאכְסְטוּ? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ, אִיךְ הָאף אַז דוּ בַּאנִיצְט זִיךְ נָאךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, בְּעִיקָר מִיטְן גֵיין יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער ? וָואס מַאכְט דַיין ... נֵרוֹ יָאִיר ? לֵייג אַרַיין קָאפּ אִין דַיינֶע קִינְדֶער, נִישְׁט אַלֶעס אִיז בִּיזְנֶעס, פֶּסַח אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַלֶעס פוּנֶעם לֵיל הַסֵּדֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי קִינְדֶער, אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אִינֶעם סֵדֶר נַאכְט דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי קִינְדֶער ; זֵיי זָאלְן פְרֶעגְן דִי קַשְׁיוֹת אוּן מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען דֶערְצֵיילְן דִי סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם.

פֶּסַח אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיים סֵדֶר נַאכְט דַארְף דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן ; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטְס טוּן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס.

צַדִיקִים זָאגְן, פֶּסַח בַּיינַאכְט גֶעבְּט מֶען פוּן הִימְל גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען נִיצְט אוֹיס דִי סֵדֶר נַאכְט אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן דִי אֱמוּנָה - בְּלַייבְּט מֶען נָאכְדֶעם אַ גַאנְץ יָאר מִיט דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי דוֹרוֹת דִי אֱמוּנָה בַּה׳.

מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן קֵיין טִיפֶע גֶעדַאנְקֶען מִיט דְרַאמַאטִישֶׁע מְשָׁלִים, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן זָאגְן דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אַלֶעס אִיז עֶר, עֶר אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, נִישְׁטָא קֵיין מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה אִיז עֶר בַּאהַאלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, נִיץ אוֹיס דִי סֵדֶר נַאכְט צוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַז וָואס זֵיי דַארְפְן נָאר הָאבְּן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן זָאלְן זֵיי זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיף אִים. רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן דָאס נַארִישְׁקֵייט פוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם, דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ה) : "אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם, וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ", אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶער וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, "וּמִן ה׳ יָסוּר לִבּוֹ", אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶערְט עֶר זִיךְ אָפּ. "וְהָיָה כְּעַרְעָר בָּעֲרָבָה", עֶר וֶועט זַיין צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַן אֵיינְצֶעלְנֶעם בּוֹים אִין

מִדְבָּר, "וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבוֹא טוֹב", און ער וועט נישט זען דאס גוטס. ווייל ווען מען פארלאזט זיך אויף מענטשן האט מען גארנישט, מען טרעפט זיך נאכדעם איינער אליין, "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה'", וואויל איז דעם מענטש וואס פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן, "וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וועט אים דער אייבערשטער העלפן.

מעגסט מיך אמאל רופן, מעגסט מיך אמאל שיקן א בריוו, איך האב א בענקעניש צו דיר, און איך געדענק אלע גוטס וואס דו האסט מיר געטון.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דאנקען, איידלקייט, און רואיגקייט, ביים סדר נאכט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וויפיל דארפסטו דאנקען דעם אייבערשטן אז דו האסט זוכה געווען חתונה צו מאכן דיינע קינדער, ביים סדר נאכט זאלסטו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די ניסים, און אויף די גרויסע נס אז דו ביסט ביים הייליגן רבי'ן; דאס איז דאך די גרעסטע נס, דאס איז דאך עכט יְצִיאַת מִצְרַיִם.

פֶּסַח ביינאכט ביים סדר זאלסטו זיך זייער פרייען אז דו ביסט זוכה צו קענען נאך א יאר מקיים זיין די מצוות פון דערציילן סיפור יְצִיאַת מִצְרַיִם, זאגן די הַגָּדָה, עסן מַצָּה ומָרוֹר און טרינקען די ד' כוסות. עס שטייט פון די הייליגע צדיקים, מען רופט די נאכט פון פֶּסַח 'לֵיל הַסֵּדֶר', ווייל ווי אזוי מען פירט זיך אויף די נאכט פון פֶּסַח - אזוי וועט מען זיך פירן א גאנץ יאר.

טייערער ברודער, דער הייליגער זוהר זאגט (פָּרָשַׁת בֹּא, מ:), פֶּסַח ביינאכט, לֵיל הַסֵּדֶר - קומט דער אייבערשטער כביכול אראפ מיט די גאנצע פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה זיך צוקוקן ווי אידישע קינדער רעכטן אפ דעם סדר נאכט; זע מען

זָאל זַיין אֵיידֶל און הֵיילִיג, דַיינֶע טֶעכְטֶער און שְׁנִירְן זָאלְן זַיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת׳דִיג, וַוייל נָאר אַז מֶען אִיז אֵיידֶל, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל און מֶען פִּירְט זִיךְ אֵיידֶל - אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, און עֶס אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן כַּעַס און מַחֲלֹקֶת, וַוייל דַוְקָא אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט שְׁטֶעלְט מֶען אַ נִסָּיוֹן פַארְן מֶענְטְשׁ מִיט כַּעַס וְכוּ׳, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, און אַזוֹי פַארְלִירְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט. וַוייל יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט אַ הֵיילִיגֶע טָאג, שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, און אִידִישֶׁע קִינְדֶער פִּירְן זִיךְ מִיט אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, וֶוערְן דִי מַלְאָכִים פוּל מִיט קִנְאָה און זֵיי זוּכְן ווִי זֵיי קֶענֶען אוֹיפְרֶעגְן מֶען זָאל וֶוערְן בְּכַעַס און מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן, עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן וֶוערְן אִין כַּעַס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער, הִיט מִיךְ פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב וֶוער אִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן און אִיךְ שְׁפִּיר ווִי דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז זִיךְ אוֹיף מִיר מִתְגַּבֵּר, עֶס אִיז בַּיי מִיר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי לִיכְט פוּן יוֹם טוֹב און אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קֵיין שׁוּם טַעַם אִין יוֹם טוֹב, אָנָּא רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן כַּעַס, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן מַחֲלֹקֶת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מַצּוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה טוּעֶן מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִיר אַז דִי יָאר הָאבְּן מִיר נָאכְאַמָאל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מַצּוֹת, נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעגֶעבְּן און זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט מֶער פוּן דַיינֶע כֹּחוֹת,

אַז דִי בֶּעקֶערַיי אִין שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אָפְן, אוּן אַז עֶס זָאל זַיין גוּטֶע מַצּוֹת.

דִי מַצּוֹת הָאבְּן אַסַאךְ מַעֲלוֹת, אָבֶּער דִי גְרֶעסְטֶע מַעֲלָה אִיז, אַז יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע פִּינְטְל פוּן דִי מַצּוֹת אוּן פוּן אַלֶעס אַרוּם - אִיז אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָּה, אוּן דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי הַצְלָחָה אוּן פוּן דִי גוּטֶע טַעַם, וַוייל מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ... וָואס גֶעבְּט דִי וַואסֶער, אוּן ... דֶער קְנֶעטֶער, ... וָואס גֶעבְּט דִי מֶעל, אוּן אַלֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס וֶועלְגֶערְן, ... בַּיים רֶעדְלֶען אוּן ... בַּיים שִׁיבְּן, אוּן ... בַּיים פַּאקְן, אוּן דוּ אִיבֶּער זֵיי אַלֶע, אוּן אוֹיךְ אִיךְ, אַלֶע אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין נִזְהָר פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַעֲלָה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט עֶסְן חָמֵץ, אִיךְ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ"; וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, אוּן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קֶען אַלֵיין אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מִתְפַּלֵל - קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל וֶוערְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי דָוִד מְמִיקוֹלַייֶב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן מַאכְן וַויין פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע כַּוָּנוֹת, אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי גְרֶענִיץ, אוּן דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי וַויין אוּן עֶס גֶעמַאכְט יַיִן נֶסֶךְ. רֶבִּי דָוִד אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסֶער זִיךְ, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וִוי קֶען זַיין אַז נָאכְן זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן נָאכְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי אַרְבֶּעט אַזוֹיפִיל פְלַאג אוּן אַזוֹיפִיל הַארְץ - זָאל דָאס פַּאסִירְן?" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב אוּן צוּ וֶוערְן נִיצוֹל פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ

אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ. אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר".

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְבְּרֵייטֶערְן דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, אִיךְ וִויל עֶס אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מֵיידְל קֶעמְפּ; אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וַוייל פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען עֶסְט נָאר אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אָדֶער בַּיי זֵיידֶעס.

פֶּסַח קוּמְט אַרָאפּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, פֶּסַח לֶערְנְט אוּנְז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, מֶען זָאל זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי אַנְדֶערֶע זֶענֶען מַצְלִיחַ, אַנְדֶערֶע דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען קוּקְט אוֹיף זִיךְ זֶעט מֶען זִיךְ אַזוֹי וַוייט.

מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פֶּסַח ט, כב), פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קֵיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוּזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זַיין

זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער דַארְף מֶען זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען מֶען זֶעט וִוי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ טוּן וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ'; דָאס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פֶּסַח, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַנְדֶערֶע.

חִיזוּק קֶען מֶען נֶעמֶען פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַנְדֶערֶע צוּ זֶען וִוי זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף נָאכְצוּמַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט נָאכְצוּמַאכְן אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַז דוּ גֵייסְט צוּ לֵצִים, קוּם נִישְׁט מֶער צוּ מִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ גֵייסְט צוּ פְלֶעצֶער פוּן לֵיצָנוּת, דַיין טַאטֶע הָאט דִיר גֶעשִׁיקְט אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְט זִיךְ אָנְזַאפְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ זָאגְסְט אִים אַז דוּ קוּמְסְט שַׁבָּת קֵיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ זַיין אִין יְשִׁיבָה, אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז שַׁבָּת בִּיסְטוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ פְּלַאץ פוּן לֵיצָנוּת, דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרַנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד, וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעזֶען רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קְלוֹיז, יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט לֵיצָנוּת, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין צוּ יֶענֶעם, אִיךְ קֶען דִיר אָבֶּער זָאגְן אַז אוֹיב דוּ גֵייסְט צוּ

יֶענֶעם - קוּם נִשְׁט צוּ מִיר"; דָאס זָאג אִיךְ דִיר, אַז דוּ גֵייסְט צוּ לֵצִים - קוּם נִשְׁט מֶער צוּ מִיר.

לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, רֶבִּי נָתָן זָאגְט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לִיטַּמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", אֵיינֶער וָואס וִויל גֵיין צוּ דִי טוּמְאָה, הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין, "שֶׁנֶּאֱמַר", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; זָאגְט רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל טוּן עֲבֵירוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ אוּן עֶר לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דוֹרוֹת הַאלְטְן זִיךְ נָאר אַז מֶען פִּירְט זִיךְ אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע מֶען זָאל גֵיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, לוֹיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ מִיט אִיר צְנִיעוּת. אַז דִי פְרוֹי מִיט דִי טֶעכְטֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוֹן אֵיידְל - רוּט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין צְנִיעוּת - פַּארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (דְבָרִים כג, טו): "וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דוּרְךְ פְּרִיצוּת, דוּרְךְ זִיךְ נִישְׁט פִּירְן אֵיידְל, דוּרְךְ גֵיין אָנְגֶעטוֹן נִישְׁט אֵיידְל - פַּארְטְרַייבְּט מֶען מִיךְ; אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב טֶעג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, מ.) אַז דִי שְׁכִינָה מִיט אַלֶע מַלְאָכִים קוּמֶען בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אִין שְׁטוּבּ בַּיים סֵדֶר נַאכְט, זָאלְן אַלֶע גֵיין אָנְגֶעטוֹן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג נִישְׁט צוּ פַּארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה.

אַז דַיין וַוייבּ פְרֶעגְט דִיר אוֹיף אַ קְלֵייד פַאר דִי טֶעכְטֶער אוּן פַאר זִיךְ אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט אוּן שַׁיין, אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט דָאס מֶערְסְטֶע אֵיידֶל - זָאלְסְטוּ זָאגְן, אוּן אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵק זַיין צוּ פְרֶעגְן דִי מַאמֶע; זַיי נִישְׁט מֵקִיל אִין דִי זַאכְן, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מֵקִיל אִין דִי זַאכְן - אִיז מֵקִיל מִיט זַיין לֶעבְּן, וַוייל אָן צְנִיעוּת - אִיז גָארְנִישְׁט דָא, דִי דוֹרוֹת הַאלְטְן זִיךְ נָאר אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן שַׁאפְן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן מַיינֶע אוּן דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס; דִי מְלַמְדִים, דִי טִיטְשֶׁערְס, דִי אָפִיס פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן בֵּית פֵּיגָא. קֶענְסְט מִיר נָאךְ הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם סֵדֶר אוּן הָאבְּן אוֹיסְגֶעצָאלְט אַלֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וְכוּ'; פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אַבְרָהָם מֹשֶׁה שְׁטְרַאסְסֶער נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס, אָפִיס וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ פוּן דַיינֶע מִנְהָגִים אוּן מְסוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ פוּן דַיינֶע מִנְהָגִים אוּן לָאז נִישְׁט נָאךְ פוּן דַיין מְסוֹרָה וְוִי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם פֶּסַח, הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס זָאגְן אַז וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן אַלֶע מִנְהָגִים, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, נִישְׁט דָאס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, נִישְׁט דָאס אִיז הִתְקַרְבוּת לַצַדִיק.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אָפְּלָאזְן הֵיילִיגֶע מִנְהָגִים, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז מְחַזֵק זַיין צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז צוּ דֶערְמַאנֶען

מֶען זָאל בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל מִתְפַּלֵל זַיין צוּ הָאבְּן אַ כָּשֶׁר'עֶ פֶּסַח, אַ הֵיילִיגֶע פֶּסַח.

קֶענְסְט מִיר נָאךְ הֶעלְפְן פַאר יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דַיין הִילְף, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּם סֵדֶר וֶוען אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר מַיינֶע אַרְבֶּעטֶער, דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מַאכְן גְרִינְגֶער, פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אַבְרָהָם מֹשֶׁה שְׁטְרַאסְסֶער נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס, אָפִיס וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אוֹיךְ דִי גֵייסְטִישֶׁע שְׁוֶועריקֵייטְן, טַאנְץ אִיבֶּער דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ', גֵיי אִין שׁוּל מִיט שִׂמְחָה, דַאוֶוען מִיט מִנְיָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "'וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן', אֵימָתַי עֵת רָצוֹן", וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? - "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, (תַּעֲנִית ח.) וֶוען מֶען דַאוֶוענְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר אָן דִי תְּפִילוֹת וָואס מֶען הָאט אִינְזִין, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים עח, לו-לז), דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', דָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער: "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע

תְּפִילּוֹת און עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "לֹא קַשְׁיָא, כָּאן בְּיָחִיד כָּאן בְּצִבּוּר", אוֹיב מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן יֶעדֶע תְּפִלָּה, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ'; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילּוֹת אַזוֹי וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אִיךְ דַארְף הָאבְּן דִי וָואךְ אַ גְרוֹיסֶע נֵס צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אוּנְזֶערֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוֹיף יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דַיין הִילְף, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צוּם סֵדֶר וֶוען אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר זֵיי, דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מַאכְן גְרִינְגֶער, פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אַבְרָהָם מֹשֶׁה שְׁטְרַאסְסֶער נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס, אָפִיס וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת און נִישְׁט קֵיין שְׁאֵלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, מֶען דַארְף וִויסְן און גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, און אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי נִישְׁט גוּט - אִיז אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא", אַזוֹי דַארְף זַיין, "שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", און עֶס אִיז שֵׁיין און גוּט עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת. "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ", וַוייל אוֹיב וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, "אִם

כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ״, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס פַארְשְׁטַאנְד; קוּמְט אוֹיס, אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת וַוייזְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, נִישְׁט מֶען זָאל מֵיינֶען אַז עֶס אִיז גוּט אַרוּם צוּ גֵיין מִיט קַשְׁיוֹת: ״וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן״, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַּאר זַיין טוֹבָה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה. בַּיים עֶסְן דִי מַצָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אֱמוּנָה, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.) מַצָּה אִיז אֱמוּנָה, ״מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא״, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג, מֶען וויל שׁוֹין מֶער נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוּן קֵיין שְׁאֵלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

# מהדורת רוטה

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

הרב **שלמה רוטה** שליט"א

וזוגתו **פריידא הענדל גיטל** תחי'

וילדיהם

**נחמן נתן, מלכה, יחזקאל,**
**אליעזר חיים.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון